# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

ספר בראשית נתנדב

**לזכות אברהם יצחק יקותיאל בן אסתר פראדל**

## פרשת ויחי

# ניץ אויס דיינע נאטורן

**פרנס השבוע**

נתנדב ע״י

מו״ה **מרדכי סאלאמאן** הי״ו

**לרגל הולדות בתו למז״ט**

ויה״ר שיזכב לראות רב נחת דקדושה בכל יוצ״ח ויתברך בכל מילי דימיטב

◆◆◆

זיכוי הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, ומשתתפים בהדפסה, והפצה, שיזכו לראות רב נחת מכל יוצ״ח ולהתברך בכל מילי דמיטב.

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה**
**ב"ר יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן ארייצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין בארא פארק רופט: 347.451.0332**

אימעילט: Director@torasavigdor.org

פאר סיי וועלעכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**



© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*



**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת ויחי

שנה ג'

# ניץ אויס דיינע נאטורן

## תוכן:

חלק א. די כאראקטערס פון די ברידער - חלק ב. געהויבענע כאראקטערס - חלק ג. דיינע כאראקטערס

## חלק א. די כאראקטערס פון די ברידער

### דער חלום הויז

אין מסכת פסחים (ה.) דערציילן אונז די חז"ל איבער א געוויסער מענטש וואס האט געצויגן די אינטערעס פון די חז"ל: **הַהוּא דְּהַוָּה קָא אָזִיל וְאָמַר אַכֵּף יַמָּא אַסִּיסְנֵי בִּירָאתָא** - ער פלעגט ארומגיין זאגן פאר מענטשן, "איך וואלט געוואלט בויען מיין פאלאץ ביים בארטן פון ים." לויט איין פירוש פון רש"י האט דאס געמיינט, אז יעדער האט א חלום פון א הויז אין זיין קאפ און דער מענטש האט אלעמאל געזאגט פאר זיינע פריינט אז ווען די צייט וועט קומען צו בויען זיין חלום הויז, וועט דאס ארט זיין ביים בארטן פון ים; ער האט געוואלט אויסלעבן זיינע יארן אויף פענסיע אין א הויז ביים ים.

נאך א פירוש וואס רש"י זאגט איז "**אכף ימא**, ביי דעם בארטן, **אסיסני ביראתא**, וואקסען די דערנער אויס צעדער ביימער." דאס באדייט, דער מענטש פלעגט אלעמאל רעדן פון די מעלות פון האנדלען ביי די ים בארטנס; עקספארטירן און אומפארטירן: "יעדע זאך ווערט גרויס און פרוכטבאר ביים ים," האט ער געזאגט.

אין יעדן פאל, סיי וואס ער האט געמיינט דערמיט, האט ער ליב געהאט דעם ים בארטן. ער האט דארט געוואלט וואוינען און מאכן דארט גוטע האנדל; און ער האט גערעדט דערפון אזויפיל, אז ס'האט פארוואונדערט די חכמים. ווי די גמרא אין גיטין (סח:) זאגט: **מכדי, שוטה בחדא מילתא לא סריך** - דער שוטה רעדט נישט אלעמאל נאר פון איין זאך און אויב דער מענטש האלט זיך אזוי צו דעם געדאנק מוז זיין אז עס ליגט עפעס הינטער דעם.

### א ליבשאפט צום ים

**בָּדְקוּ אַחֲרָיו** - האבן די חכמים אנגעהויבן נאכצופארשן; פארוואס רעדט ער אזויפיל פון דעם ים בארטן? און זיי זענען דערגאנגען אז ער שטאמט פון שבט זבולון. דאס איז געווען אין די

ציטן פון די גמרא, לאנג נאך וואס דער שבט זבולון איז שוין געווען צעשפרייט און פארשיקט אין גלות, אבער ווען זיי האבן נאכגעפארשט דער מענטש'ס יחוס בוים האבן זיי אנטדעקט אז ער שטאמט פון שבט זבולון. "אה! אצינד שטימט עס. ווייל אין פרשת ויחי ווען יעקב אבינו האט געבענטשט זיינע קינדער האט ער געזאגט אויף זבולון, **זְבוּלֻן לְחוֹף יַמִּים יִשְׁכֹּן** - זבולון וועט רוען ביים בארטן פון די ימים (ויחי מט:יג).

אלזא, ווען מיר לערנען פון אויבן אויף דעם פשט פונעם פסוק, זעט מען דאס פשוט אלס נבואה פון יעקב אבינו - "זבולון וועט וואוינען ביים ים בארטן", און דאס אלעס. דאס הייסט, ערגעץ דארף מען דאך וואוינען און ארץ ישראל באשטייט נישט בלויז פון בערג אדער בלויז פון פעלדער, עס זענען אויך דא אביסל ים בארטנס. האט דער באשעפער געשטעלט די נחלה פון זבולון, זייער ירושה אינעם לאנד, ביי די בארטנס פון ים. איינער דארף דאך זיין דארט.

אבער דא קומט די גמרא און זאגט אונז אז דער פסוק איז נישט בלויז אן ענין פון ווי אזוי דאס לאנד איז איינגעטיילט געווארן. עס איז פיל מער ווי דאס! מיר לערנען דא אז דער באשעפער האט פון אנהייב אן ארייגעלייגט אין זבולון א ליבשאפט צום ים, און צוליב אט די אייגנארטיגקייט וואס ער האט געהאט אין זיין נאטור, דאס איז געווען די סיבה פארוואס דער באשעפער האט באשטימט פאר אים א נחלה ביים ים בארטן; כדי ער זאל קענען ווייטער אנטוויקלען אט די כאראקטער און לעבן דורכדעם ערפאלגרייך.

## זיך נישט גערירט פונעם דין

אצינד גייען מיר ווייטער. די גמרא דערציילט אז א צווייטער מענטש פלעגן ארומגיין זאגן: "**דּוֹנוּ דִּינִי** - משפט מיין דין." דאס מיינט, סיי ווען ער האט געהאט א סיכסוך מיט א צווייטן איז ער נישט געווען אינטערעסירט צו מאכן א פשרה. "ניין, לאמיר גיין צום שופט און זאל ער באשטימען לויט'ן דין."

מען קען טראכטן אז דאס איז בלויז א זשוק אין קאפ אבער ער האט איבערגע'חזר'ט דעם גאנג אזוי אפט, אזוי שטייגערליך, אז די חז"ל האבן געטראכט אז עפעס ליגט הינטער דעם. דערפאר, **בָּדְקוּ אַחֲרָיו** - זיי האבן נאכגעזוכט זיין יחוס און אויסגעטראפן אז ער שטאמט פון שבט דן. **דָּן יָדִין עַמּוֹ** - "דן וועט משפט'ן דאס פאלק," האט יעקב אבינו געזאגט. ער קומט פון א משפחה וואס גלייבט נישט אין נאכלאזן און אויסארבעטן פשרות אדער גיין לפנים משורת הדין. שבט דן איז געווען שטייף; אנדערע האבן געקענט זיין מער בויגזאם, נישט אזוי שטרענג מיט'ן דין, אבער די פאמיליע פון דן האבן ליב געהאט אז אלעס זאל נאכגעפאלגט ווערן פונקטליכן לויט'ן דין. דאס איז געווען א כאראקטער פון די גאנצע משפחה.

אויך היינט זעט מען אז עס זענען פארהאן אזעלכע מענטשן; זיי האבן נישט ליב צו אפנייגן קיין זאך פונעם דין. קליינע קינדער ווערן שוין געבוירן אזוי;  עס איז אין זייער נאטור צו אויספאלגן געזעצן. אמאל, אין אייראפע, פלעגט מען אזא קינד אנרופן א "זאקאניק". "זאקאן" אין רוסיש מיינט געזעץ; א "זאקאניק" איז א קינד וואס האט ליב דאס געזעץ. אויב דו וועסט אים איין מאל הייסן פארמאכן די טיר ווען ער גייט ארויס, וועט ער דאס אלעמאל געדענקען. איך געדענק איך האב אמאל געזען אזא קינד. מען האט אים איין מאל געהייסן, ווען ער איז געווען א

קליין קינד פון דריי יאר אלט, "פארגעס נישט צו פארמאכן די טיר," און דערנאך האט ער קיינמאל נישט פארגעסן. עס איז געלעגן אין זיין נאטור.

און דאס איז וואס די חז"ל האבן אנטדעקט, אז די רייד פון יעקב אבינו זענען נישט געווען בלויז א נבואה אויף עפעס וואס וועט פאסירן איין טאג אין צוקומפט - אז איין טאג אין די ווייטע צוקומפט וועט שבט זבולון זיין סוחרים ביים ים וואס וועלן שטיצן שבט יששכר אין זייער תורה לערנען (מט:יג, רש"י), און פון שבט דן וועט ארויסקומען שמשון הגיבור וועלכער וועט משפט'ן דאס פאלק (מט:טז, רש"י) - ס'איז מער ווי דאס; יעקב האט אויסגעשמועסט דעם נאטור פונעם גאנצן שבט; א גע'ירש'נטער נאטור.

## שבטים פעלקער

די נאטורן פון די שבטים זענען געווארן איינגעקריצט אין זייערע דורות, ווייל אין אנהייב פלעגט מען זיך משדך זיין נאר מיט דעם אייגענעם שבט; מען האט זיך נישט אויסגעמישט מיט די כאראקטארן דורך חתונה האבן מיט אנדערע שבטים. ווען זיי זענען אריין אין ארץ ישראל איז יעדער שבט געווען איזאלירט פאר זיך. בפרט וואס אין יענע צייטן איז די קאמוניקאציע אנגעקומען זייער שווער און אפילו צו אריבערגיין א בארג וואו עס האט געוואוינט אן אנדער שבט איז געווען כמעט אומאויספירבאר. פיל מענטשן זענען קיינמאל נישט אריבער א בארג אין זייער לעבן און דערפאר זענען די שבטים געוואקסן כמעט ווי באזונדערע פעלקער!

דערפאר זעען מיר אז יעדער שבט האט געהאט אנדערע מנהגים. די פארשידנארטיגע סארט מנהגים ציגן אויף דער נאטור פון יעדן קרייז. אודאי דארף זיך יעדער האלטן צו די אמונה; זיי האבן אלע געגלייבט אז תורה מן השמים אבער עס איז נישט קיין ספק אז עס זענען געווען פארשידענע פירונגען; אנדערע בליקן ווי אזוי זיי האבן געקוקט אויף די וועלט. די בני יהודה האבן זיך געפירט אויף איין וועג און די בני גד אויף אן אנדער וועג.

זיי האבן אפילו געהאט אן אנדער וועג פון רעדן. אזוי ווי מ'זעט היינט, געוויסע זאגן בָּרוּךְ און געוויסע זאגן בָּאָרָךְ און אנדערע זאגן בַּארָאךְ.

די שבטים האבן נישט גערעדט דעם זעלבן לשון הקודש. מיר זעען דאס ביי די מעשה אין ספר שופטים (יב:ו). איין שבט האט געזאגט שבלת און אן אנדער שבט האט געזאגט סבלת. איינער האט געזאגט "גוט שבת" און אן אנדער האט געזאגט "גוט סבת".

## איינגעבוירענע כאראקטער שטריכן

אבער ס'איז פיל מער ווי בלויז מנהגים און אויסשפראך. די מעשיות פון די גמרא איבער דער מענטש פון זבולון און דער מענטש פון דן זענען באדייטנד, ווייל זיי געבן אונז א טיפערן בליק אינעם זעל, אין דער כאראקטער פון א מענטש. פון די צוויי עפיזאדן דארפן מיר פארשטיין, אז פון אנהייב האט דער באשעפער באשאפן אונזער פאלק אזוי אז מענטשן זאלן זיין אנדערש איינער פון צווייטן. נישט נאר אנדערש אינעם אופן ווי אזוי מיר קוקן עס אן - יעדער ווייסט אז מענטשן זענען פארשידנארטיג - אבער מיר זענען אנדערש אין געוויסע זאכן וואס קענען נישט געטוישט ווערן, וואס זענען ארייגעבויט אין אונז.

עס זענען דא געוויסע נקודות אין אונזער כאראקטער וואס די ספרים הק' רופן אן תכונות.

אנדערש ווי מידות, זענען דיינע תכונות די פאנדומענטאלע כאראקטער שטריכן מיט וואס דו ביסט געבוירן געווארן און דו קענסט עס קיינמאל נישט טוישן. מען זעט אויף פיצלעך קינדער אז זיי ווערן געבוירן איינע אנדערש ווי א צווייטע. איין מענטש קען זיין היציג, א צווייטער קאלט. דיין חברותא קען זיין ווי א לייב, פול מיט ענערגיע, בשעת דו ביסט נישט אזוי. דער איז פול מיט געפילן און דער אנדערער איז טרוקן. איין מענטש פילט אז ער מוז ארבעטן מיט זיינע הענט, א צווייטער וויל זיצן ביי א טיש. יעדער האט א געוויסער וועג פון אויסדריקן זיין אדער איר פערזענליכקייט.

אויב איך טראכט איין וועג, קען דאס זיין צוליב עפעס וואס דו קענסט נישט טוישן אין מיר; עס קען זיין אריינגעבויט אין מיין נאטור. פונקט ווי זבולון האט גאר ליב געהאט דעם ים, און דן האט ליב געהאט א קלארער אויסגעלייגטער דין - עס איז נישט געווען עפעס וואס מ'האט געקענט טוישן; ס'איז געווען גע'ירש'נט; ס'איז געווען אין די בלוט און איז אריבערגעגאנגען פון איין דור צום צווייטן.

און נישט נאר בכלליות, נאר עס האט זיך ארויסגעשטעלט אין זייער פיל הינזיכטן - דאס זענען בלויז א טייל פון די הינזיכטן אבער עס זענען דא פיל מער וואס מיר ווייסן נישט דערפון. אויב עס איז אזוי געווען אז זבולון האט ליב געהאט דעם ים בארטן און אנדערע האבן ליב געהאט די בערג, קענט איר זיין זיכער אז עס זענען אויך געווען פיל אנדערע הינזיכטן אין וואס זיי זענען געווען אנדערש.

## יעקב אבינו'ס זארג

און דערפאר, ווען יעקב האט באטראכט זיינע זין, איז אים באפאלן א גרויסער זארג. ער האט שטארק געזארגט אויף זייער צוקומפט. נאך אלעם, יעקב'ס איינציגע שטרעבונג איז געווען **להמציא אומה שתדע השם ותעבדהו** - צו ערציען א פאלק וואס זאל וויסן פון באשעפער און אים דינען (מורה נבוכים ג:נא) און ער האט מורא געהאט אז מיט אזעלכע פארשידנארטיגע נאטורן, אזעלכע אנדערע כאראקטער שטריכן, ווען זיי אפשר איין טאג זיך צעפאלן. אויב ווייסן זיי נישט אז דאס איז דעם באשעפער'ס כוונה, דעם באשעפער'ס פלאן פון אנהייב, וועלן זיי זיך גיין אין באזונדערע וועגן. 'ווילאנג איך לעב,' האט יעקב געטראכט, 'וועלן זיי זיין צוזאמען, זיי וועלן געדענקען אז מיר זענען איין משפחה פון עובדי ה'. אבער ווען איך וועל מער נישט זיין דא, וואס וועט זיין?' פונקט ווי ביי א ספר; ווילאנג די דעקלעך זענען דערויף, האלטן זיך די בלעטער צוזאמען, אבער ווען די דעקלעך פון ספר פאלן אראפ, דאן הייבן די בלעטער אן זיך צו צעפאלן.

דערפאר זאגט דער מדרש אז ווען יעקב אבינו איז געווען אויפ'ן קראנקען בעט האט ער אויסגעדריקט זיין זארג (ויחי מט:יח): **לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי הַשֵּׁם** - וואס וועט זיין, באשעפער? אויב מיינע קינדער וועלן נישט פארשטיין אז יעדעס בלעטל פונעם ספר פון דאס אידישע פאלק איז וויכטיג, אז די אלע פארשידנארטיגקייטן זענען אויסגעשטעלט דורך דעם באשעפער אזוי אז יעדער מענטש זאל קענען ארויסברענגען זיין טייל, וועלן מיינע קינדער גיין אין באזונדערע וועגן.

### פאראייניגט מיט איין ציל

יעקב אבינו'ס זין, די הייליגע שבטים, האבן פארשטאנען זייער פאטער'ס זארג און דערפאר האבן זיי זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן צו זייער טאטן: "**שמע ישראל** - הער צו אונזער טאטע, ישראל, **ה' אלקינו ה' אחד** - מיר אלע האבן איין באשעפער. זארג נישט; סיי וואספארא פארשידנארטיגקייטן דו זעסט, זענען מיר אלע עובדי אלקי אביך - מיר זענען אלע פאראייניגט אין דעם דינסט צום באשעפער. מיר פארשטייען אז דער ציל פון אונזערע פארשידנארטיגקייטן איז דערפאר אז יעדער איינער פון אונז, מיט סיי וואספארא פארשידנארטיגקייטן מיר האבן אין אונזער נאטור, קענען מיר צוגעבן אויף אונזער וועג צו דאס אידישע פאלק."

מיר לערנען דא איינע פון די גרויסע צילן פון די אלע פארשידנארטיגקייטן וואס מיר זעען צווישן די מענטשן אינעם אידישן פאלק. יעדער איינער פון יעקב'ס זין האט געהאט זיינע אייגענע כאראקטער שטריכן און די אלע קערנדלעך זענען ווייטער אריבערגעגאנגען ביז אונז; יעדער פון אונז האט גע'ירשנ'ט פון די דאזיגע פונקען. ס'איז נישט קיין צופאל; דאס איז וואס דער באשעפער וויל, אז יעדער פון אונז זאל ניצן זיינע אייגענע ספעציפישע טאלאנטן, זיינע כאראקטער שטריכן, אין זיין עבודת ה'. דער באשעפער האט אויסגעפלאנט די פארשידנארטיגקייטן פון אנהייב און ער ווארט צו זען, 'צי וועט דער מענטש אויסניצן זיין אויפהאלטונג אויף די וועלט צו ארויסברענגען מיט זיין אייגענע פערזענליכקייט און זיינע אייגנארטיגע מעגליכקייטן די גרויסקייט צו וואס ער קען דערגרייכן?'

# חלק ב. געהויבענע כאראקטערס

### גרויסע און פארשידנארטיגע כאראקטער שטריכן

אלזא, עס איז וויכטיג צו פארשטיין אז עס איז דוקא צוליב די פארשידנארטיגקייטן צווישן איין מענטש און צווייטן אז עס קומען ארויף ענדלאזע מעגליכקייטן פאר יעדן פערזענליך צו שיינען און ווערן אן עובד ה'. דערפאר, ווען מיר קוקן צוריק אין אונזער געשיכטע זעען מיר אייגנארטיגע פערזענליכקייטן וועלכע זענען אנגעקומען ווייט און פאראורזאכט א רעוואלוציע אין די וועלט. צוליב די פארשידנארטיגע כאראקטארן וואס האבן זיך געפינען צווישן אונזער פאלק, האבן מענטשן זיך געקענט ארויסשטעלן און ניצן זייערע פעאיגקייטן צו אויפטון גרויסע זאכן, אפילו צו מאכן באדייטנדע טוישן אין אונזער היסטאריע!

איך וועל דערמאנען עטליכע ביישפילן - דאס איז אבער נאכנישט אונזער נושא; באלד וועל איך אריינגיין אין די נושא - פון גרויסע מענטשן אין אונזער היסטאריע וועלכע האבן זיך געריקט פאראויס צו ניצן זייערע אייגענע פעאיגקייטן און אויסשטייגן אלס גרויסע מענטשן. למעשה, איך האב נישט די מעגליכקייט צו אפשאצן די גרויסקייט פון די גרויסע לייט. ווער בין איך צו מעסטן די דאזיגע ריזן? איך זאג אייך בלויז ווערטער ווי פון א מורישקע וואס קוקט ארויף אויף א זייער הויכער בארג. אבער אפילו אלס מורישקעס קענען מיר זען אז יעדער איינער פון די לייט האט געקענט, דורך זיינע אייגענע איינפאלן, זיין אייגנארטיגער כאראקטער, מאכן געוואלדיגע

טוישן ביי אונזער פאלק! פארשידנארטיגע פערזענליכקייטן וואס האבן ארויסגעגעבן פון זיך אנדערע גרויסקייטן, האבן געשאפן א וואונדערליכע צוזאמשטעל פון עבודת ה'.

## רש"י הק'

מיר וועלן אצינד רעדן אביסל פון רש"י הק', רבינו שלמה יצחקי. מיר ווייסן אז רש"י האט אויסגענוצט זיינע כוחות צו מאכן א געוואלדיגע רעוואלוציע אין אונזער געשיכטע. רש"י האט נישט קיין פארגלייך צווישן די מפרשים אויף די תורה. דער מתק לשון, די זיסקייט פון זיין שפראך איז אן קיין פארגלייך - מיר דארפן רעדן פון רש"י מיט דעם גרעסטן דרך ארץ!

רש"י שרייבט מיט אזא קלארקייט און טרעפט אלעמאל צו אזוי פאסיג! ווען מיר לערנען זיינע רייד ווערן מיר אזוי איבערראשט פון די אויסערגעווענליכע פעאיגקייט וואס ער האט געהאט אונז צו העלפן פארשטיין וואס מיר וואלטן אנדערש נישט געוואוסט. ער ניצט פונקט די ריכטיגע ווערטער אין יעדן ארט, ווי עס וואלט אים אריינגעשיינט געווארן פון הימל.

אלע ישיבות, אלע למדנים, מערסטנס מענטשן וואס קענען לערנען גמרא איז דאס א דאנק רש"י. עס איז נישטא קיין ענדע צו די הכרת הטוב וואס מיר דארפן אפגעבן פאר רש"י הק'; ער איז דער וואס האט געמאכט דעם תלמוד בבלי צוגענגליך צו דאס אידישע פאלק! שטעלט זיך פאר היינט אויב מיר וואלטן נישט געהאט רש"י; פראבירט צו לערנען א נייע שטיקל גמרא בלויז מיט'ן פירוש פון רבינו גרשום אין די זייט. אויסער פאר א גדול בישראל, וואלט געווען אוממעגליך פאר סיי ווער עס צו פארשטיין. אוממעגליך! די וועלט וואלט מער נישט געלערנט קיין גמרא. די ראשונים האבן געקענט פארשטיין די גמרא דורך געוויסע מסורות וואס זיי האבן געהאט אבער מיר וואלטן געווארן פארלוירן אן דעם פירוש פון רש"י.

רש"י אויף די גמרא, דארפט איר וויסן, איז איינע פון די וואונדערליכסטע דערגרייכונגען אין די היסטאריע! איך זאג דאס אן קיין גוזמא! איך האב נישט גענוג ווערטער צו ערקלערן דעם געוואלדיגן אויפטו וואס רש"י האט געמאכט פאר אונז! די ווערק וואס ער האט אונז איבערגעלאזט איז א מייסטערווערק אין מהות, קלארקייט און העמקה, ווי ער זאל האבן געארבעט חדשים און חדשים אויף יעדן עמוד!

## אן אייגנארטיגער גדול

אלזא, דאס איז איין ביישפיל פון א מענטש וואס האט אויסגענוצט זיינע אייגנטארטיגע כוחות, א טאלאנט וואס ער האט פארמאגט און אויסגענוצט צו גיין פאראויס און איבערדרייען די וועלט. רש"י וואלט געקענט סתם לעבן ווי א פיינער פרומער איד און דאס אלעס. אבער דער באשעפער האט געוואלט און רש"י האט געוויזן פאר'ן באשעפער אז ער וועט אויסניצן זיינע כשרונות צו ערצייגן עפעס אייגנארטיג. מיר קענען זיך נישט פארשטעלן פון וויפיל שכר רש"י געניסט אין גן עדן אויף אייביג און אייביג אויף דעם וואס ער איז געווען רש"י.

אנדערע גדולים, די ראשונים און אחרונים, האבן יעדער געהאט און אויסגענוצט זיינע אייגנטארטיגע כוחות, אבער מיר זעען אז קיינער האט נישט באוויזן דאס וואס רש"י האט געטון. רבינו תם איז געווען א גרויסער מענטש - דורכאויס גאנץ ש"ס און תוספות קען מען טרעפן חידושים, גרויסע לומדות פון רבינו תם און דאך האט ער נישט געקענט טון וואס רש"י האט

געטון. און פון צווייטן זייט, וואלט רש"י נישט געשריבן די תוספות. נישט וויל ער האט נישט געהאט א גוטן קאפ און ער האט נישט געקענט טראכטן פון די קשיות און תירוצים. עס איז דא ספרים וואס זענען מסביר פארוואס רש"י איז גערעכט. עס איז דא ספרים וואס שלאגן אפ די קשיות פון די בעלי תוספות. עס רעדט זיך דא נישט פון ווער עס איז געווען גרעסער, נאר זיי האבן געהאט אנדערע כאראקטארן און יעדער פון זיי האט גענוצט זיין אייגנארטיגקייט צו אויפטון גרויסע זאכן פאר אונזער פאלק.

## דער הייליגער בעל שם טוב

נאך א ביישפיל; פיל יארן שפעטער איז געווען נאך א גרויסער פערזענליכקייט וואס איז אפירגעקומען און געמאכט נוצן פון זיינע פערזענליכע תכונות צו שאפן א רעוואלוציע אין אונזער געשיכטע. הקדוש רבי ישראל בעל שם טוב האט געהאט א געוויסע אייגנארטיגקייט, ער איז ארויס אין די וועלדער און פארברענגט טעג צו רעדן צום באשעפער. ער איז דארט אויסגעשטיגן זייער גרויס און ווען ער איז ארויסגעקומען צו די וועלט האט ער געמאכט א רעוואלוציע.

די באוועגונג פון חסידות איז געווען עפעס וואס האט געברענגט א גאנצע כוואליע פון אקטיוויטעטן און א הייליגער גייסט, וואס דער באשעפער האט געקענט ארויסקוקן דערויף און זיין פרייליך, כביכול: "דאס איז א מענטש אויף וועמען איך האב געווארט!" מיר האבן נישט די ווערטער צו קענען אפשאצן די געוואלדיגע דערגרייכונג פון דעם איינעם פערזענליכקייט.

דער בעל שם טוב האט געהאט א פייער אין זיין הארץ און ער האט אנגעצונדן גאנץ אייראפע. אמאל זענען די חסידים געווען מענטשן מיט א פלאקער! מיט א געוואלדיגע פייער! צומאל זענען זיי געווען צו ברענענדיג און דאס איז פארוואס די מתנגדים זענען געווען קעגן זיי, אבער זיי זענען געווען פול מיט ברען! פאר הונדערטער יארן איז דאס אידישע פאלק געווען אנגעצונדן מיט א פלאם פון התלהבות! אומעטום זענען מיליאנען מענטשן געווארן אנגעווארעמט! געוואלדיגע דערגרייכונגען!

נאר היינט דערקענט זיך עס נישט. אמאל האט די וועלט געקענט פארשטיין קלארער ווי גרויס עס זענען געווען די אייגנארטיגע דערגרייכונגען פונעם בעל שם טוב אויף די וועלט, אבער היינט זענען די גרעניצן שוין נישט אזוי קלאר. היינט האט זיך שוין אויסגעמישט דאס חסידות מיט די התנגדות. עס איז כמעט אלעס אייניג. היינט טוען אפילו די מתנגדים נאשן פון די חסידים אזויפיל גוטע זאכן. יא! אזויפיל גוטע זאכן!

## הגה"צ רבי ישראל סאלאנטער

דא האבן מיר נאך א מענטש וואס איז אויסגעוואקסן גרויס אויף זיין אייגענעם מהלך. רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל האט אנגעהויבן די מוסר באוועגונג, אז מענטשן קומען זיך צוזאם צו לערנען מוסר. קיינער האט דאס ביז דאן נישט געטון. מען האט געוואוסט אז עס איז דא א מסילת ישרים, מען האט געוואוסט פון דעם שערי תשובה, און מענטשן האבן עס צומאל געלערנט. אבער רבי ישראל האט גענוצט זיינע פערזענליכע תכונות צו אנערקענען אז עס פעלט אויס אויף פיל א גרעסערן פארנעם און ער האט עס אראפגעשטעלט אלס א מהלך זיך צו צוזאמקומען און זיך קאנצענטרירן אויף לערנען מוסר. מענטשן זענען זיך צוזאמגעקומען און געלערנט מוסר הויך און מיט חשק, מיט א פייער פון התלהבות.

אזוי איז דער לימוד פון מוסר פארשפרייט געווארן איבער די גאנצע וועלט. אלע ישיבות לערנען היינט מוסר. אודאי, עס איז נישט פונקט ווי דעם גאנג פון רבי ישראל אבער ס'איז דא. איך בין געווען אין סלאבאדקע - זיי האבן געלערנט מוסר נאר א האלבע שעה, יעדע נאכט א האלבע שעה. אבער מ'האט עס געטון אויף דעם וועג ווי אזוי רבי ישראל האט אויסגעלערנט. מיר פלעגן שרייען! מוצאי שבת זענען נישט געווען אנגעצונדן קיין לעקטערס, מיר זענען געזעסן אין די טונקל פאר איבער א שעה און מיר האבן געזאגט רייד פון מוסר אויפ'ן קול. הויך! ביים סוף פונעם שעה האבן מיר אלע געשריגן. טייל האבן געוויינט, זיי האבן געוויינט און געשריגן. און דאן האבן מיר געהערט, "והוא רחום יכפר עון - ס'איז צייט צו דאווענען מעריב." מיר זענען נאך געווען אינדערמיט, מיר האבן נישט געוואלט זיך אפשטעלן. ס'איז געווען מורא'דיג דערהויבן!

למעשה, געוויסע גדולים האבן מורא געהאט אויף די נייע באוועגונג. ווי איינער האט זיך אויסגעדריקט, "**חדש אסור מן התורה**, מיר ווילן נישט קיין נייע זאכן. מיר האבן מורא פון נייע זאכן." אבער רבי ישראל האט געזאגט אז עס איז א גמרא (חולין ז.): **מקום הניחו לו מן השמים להתגדר**, דער באשעפער לאזט איבער א פלאץ פאר יעדן מענטש צו אויפטון אייגנארטיגע זאכן אויף די וועלט. ווייל יעדער מענטש האט א פאטענציאל, צוליב זיין אייגנארטיגער נאטור, צו קענען אפילו איבערדרייען די גאנצע צוקומפט פון אונזער פאלק און פירן צו א נייע ריכטונג. רבי ישראל איז געווען א פלאם פייער און ער האט פארשטאנען אז זיין ספעציעלע פייער, זיין וועג פון קוקן אויף די וועלט, איז וויכטיג. ער האט פארשטאנען אז ווייל יעדער האט אנדערע תכונות, ליגט אין יעדן מענטש'ס נאטור א פאטענציאל פאר גרויסע זאכן.

## שרה שנירער

אצינד לאזט מיר צולייגן נאך איינע צו די ליסטע; ס'איז נישט אונזער נושא צו דורכטון די באוואוסטע מענטשן, אבער לאזט מיר רעדן פון נאך איינע: דאס איז שרה שנירער. איך געדענק, פיל יארן צוריק ווען איך בין געווען אין סלאבאדקע, איז רבי אברהם גראזינסקי זצ"ל געפארן באזוכן קיין פוילן. ווען ער איז צוריקגעקומען בין איך געזעסן מיט מיינע חברים ארום זיין טיש ווען ער האט דערציילט, "איך האב באגעגנט פרויען אין פוילן ווי די פארצייטישע רביצינס." ער איז געווען אזוי איבערגענומען. דאס אז עס זענען פארצייטנס געווען אזעלכע רביצינס, דאס ווייסן מיר. אבער אין זיין צייט - עס איז געווען אין יאר תרצ"ב - זענען זאכן שוין געווען אזוי אנדערש. און ווען ער האט באגעגנט טייל פון די תלמידות פון בית יעקב אין פוילן, איז ער געווען איבערראשט. דער גייסט איז געווען עפעס ניי.

ווי אזוי האט דאס פאסירט? נאר צוליב שרה שנירער. זי איז געווען אן ארעמע פרוי; א שניידערין, נישט צו געלערנט. און וואס האט פאסירט? בשעת די ערשטע וועלט מלחמה איז זי אנטלאפן קיין ווין. ווען זי איז דארט געזעסן אין ווייבער שול און אויסגעהערט א דרשה פון א געוויסער ארטאדאקסישער דייטשער רב, איז זי געווארן אזוי באגייסטערט - האט זי געזאגט, "אזעלכע סארט זאכן דארפן אידישע מיידלעך הערן!" אזוי זיצנדיג אין ווייבער שול האט זי באשלאסן צו עפענען א שולע פאר מיידלעך.

מיר האבן אלעמאל געהאט פרומע פרויען, פרומע מיידלעך, אבער אמאליגע צייטן איז די שולע פאר מיידלעך געווען אינדערהיים. די מאמע האט געקענט אלעס לערנען מיט איר טאכטער

אינדערהיים. אפילו די אידישע גאס האט געקענט אויסלערנען פאר א אידישע מיידל אלעס. אבער צייטן האבן זיך געטוישט. נאך די ערשטע וועלט מלחמה איז די אידישע גאס מער נישט געווען אידיש, און עס איז ווייטער געגאנגען בארג אראפ.

האט די פרוי, פון זיך אליין, צוזאמגענומען מיידלעך אין א קליינע דירה און זי האט אנגעהויבן לערנען מיט זיי ערליכע זאכן. און נאך א שטיק צייט האבן זיך די מיידלעך פארשפרייט און געגרונדעט א בית יעקב באוועגונג. איר האט נישט קיין אנונג וואס עס האט פאסירט. שרה שנירער איז געקומען און געטוישט דעם גאנג פון די היסטאריע; דאס איז געווען א ריזיגע רעוואלוציע אין די וועלט. די בית יעקב איז געווארן א וועלטס באוועגונג וואס האט אויפגעלעבט דאס אידישע פאלק. מיר נעמען נישט אין אכט וויפיל מיר זענען איר שולדיג; זי האט געראטעוועט אונזער פאלק.

## רביצין וויכנא קאפלאן

איינע פון אירע תלמידות, רביצין קאפלאן, איז געקומען קיין אמעריקע און זי האט איבערגעדרייט אמעריקע. מענטשן ווייסן נישט אז עס איז געווען זי וועלכע האט געטוישט דעם גייסט אין אמעריקע. רבי אהרן קאטלער האט געזאגט, "ווען נישט רביצין קאפלאן, וואלטן נישט געווען קיין כוללים אין אמעריקע." דער גאנצער סדר פון יונגעלייט נאך די חתונה צו זיצן אין כולל און לערנען, איז צושטאנד געקומען נאר א דאנק רביצין קאפלאן וועלכע האט אויסגעלערנט די מיידלעך די השגה פון ארבעטן און שטיצן די מענער וואס לערנען. א רעוואלוציאנערישער געדאנק! און אירע תלמידות זענען ארויסגעגאנגען און געטוישט די וועלט.

נישט נאר דאס, זי האט זיי געמוטיג צו לעבן מיט די סארט השקפות ביים אויפשטעלן גרויסע משפחות! זי אליין האט געהאט א געזינדל פון פערצן קינדער. אין יענע צייט איז עס געווען אן אויפרייס אין אמעריקע, א פאפולאציע אויפרייס. אין אלע ערטער האבן זיך צעבליעט גרויסע אידישע משפחות.

און דאס אלעס איז צושטאנד געקומען דורך די פערזענליכקייט פון א פרוי, רביצין וויכנא קאפלאן; אויף אירע פלייצעס ליגט דער געוואלדיגער זכות פון הונדערטער און טויזנטער אידישע קינדער וואס זענען געקומען אויף די וועלט צוליב דעם גייסט וואס זי האט געשאפן. אזויפיל כוללים און תלמידי חכמים אלס רעזולטאט! איין מענטש! איין פרוי וואס האט בייגעשטייערט פאר דאס אידישע פאלק מיט איר פערזענליכקייט.

דאס זענען אפאר ביישפילן פון מענטשן וועלכע האבן אויסגענוצט זייערע אייגנארטיגקייטן וואס זיי האבן פארמאגט און דערמיט געגאנגען און איבערגעדרייט די וועלט. איך האב נישט געמיינט צו פארברענגען אזויפיל צייט איבער דעם, אבער דער אמת איז אז מיר קענען פארברענגען דערויף אסאך מער צייט. מיר קענען זיצן און רעדן פיל מער. מיר קענען זיצן און רעדן ביז די קומענדיגע וואך. צי זעט איר נישט וואס דער רמב"ם האט אויפגעטון? דער רי"ף? דער רי"ף איז נישט געווען רש"י אבער ער האט געמאכט א רעוואלוציע אין הלכה. דער חיי אדם, דער חפץ חיים. יעדער פון אונזערע גרויסע לייט איז געווען גרויס אין אן אנדערער וועג, און אזוי האבן זיי געטוישט די צוקומפט פון דאס אידישע פאלק.

# חלק ג. דיינע כאראקטערס

## זיי דיך אליין

אצינד קומען מיר צו אונז אליין; מיר ווילן זען וואס איז ערווארטעט פון אונז. צי גייען מיר אנהייבן נייע וועלטס באוועגונגען? קען זיין. עס קען זיין אז טייל פון אייך וועלן שרייבן ספרים אדער אויפטון עפעס אנדערש וואס וועט מאכן א רעוואלוציע אין די אידישע וועלט. אבער נישט דאס איז אונזער נקודה, ווייל אויב דו הייבסט נישט אן א נייע באוועגונג פאר די גאנצע צוקומפט פון אידישן פאלק נעמט עס נישט אראפ פון דיין חשיבות. ווען גייט אן צו זיין באוואוסט? דער באשעפער זוכט נישט דוקא נאר באוואוסטע מענטשן. זארג נישט איבער מאכן א טויש אין די געשיכטע פון דאס אידישע פאלק - דיין גרעסטע דאגה איז דיין אייגענע היסטאריע! ווען דו ניצט אויס דיין פערזענליכקייט וואס דער באשעפער האט דיר געגעבן, איז דאס דער וועג צו ווערן פאפולער אין די אויגן פון באשעפער.

און כדי מיר זאלן נישט פארגעסן פון דעם גרויסן יסוד, דארף יעדער מענטש ניצן זיין אייגענע פערזענליכקייט צו אנקומען צו זיין אדער איר פערזענליכע גרויסקייט אויף די וועלט. דער באשעפער האט געטון עפעס אויסערגעווענליך ווען ער האט באשאפן די וועלט. לייג אצינד צו קאפ צו דעם.

## בלויז איין פָּאר

אין אנהייב פון וועלט באשאף, ווען עס איז געקומען צו באשאפן די לעבעדיגע באשעפענישן, האט דער באשעפער נישט באשאפן בלויז איין פאר פון האזלען און זיי געזאגט, "גייט, פארמערט זיך און פילט אן די וועלט." ניין, ער האט באשאפן מיליאנען האזלען אויף איינמאל. איבער די גאנצע וועלט האבן מיטאמאל געגעבן ארומטאנצן האזלען. דאס זעלבע אויך מיט עלעפאנטן און אנדערע חיות; ער האט גלייך באשאפן פיל דערפון איבער די גאנצע וועלט.

זעען מיר דא א פלאן; דער באשעפער האט געוואלט אנפילן די וועלט, האט ער געמאכט פיל פון אלע סארטן חיות, פייגל און שרצים. און דאך, וואס זעען מיר? אז ווען דער באשעפער האט באשאפן דעם מענטש האט ער געמאכט אן אויסנאם; ער האט געמאכט בלויז איין מאן און איין פרוי.

דאס באשאפונג פונעם מענטש איז געווען אן אויסנאם און דערפאר פאדערט עס אן ערקלערונג: פארוואס איז דאס אז ביי אלעם האט דער באשעפער געמאכט מיליאנען אויפאמאל און ווען ער האט באשאפן דער מין האדם, האט ער געמאכט בלויז איין פאר?

## אלעס פאר מיר

צי איז עס ווייל ער האט געוואלט עס זאל זיין איינגעהאלטן דער סכום פון מענטשן אויף די וועלט? אה ניין, פונקט פארקערט! דער באשעפער וויל אז די וועלט זאל זיין פול מיט מענטשן. **פְּרוּ וּרְבוּ וּמִלְאוּ אֶת הָאָרֶץ** - "פיל אן די וועלט!" האט דער באשעפער געזאגט (בראשית א:כח). איז פארוואס האט ער נישט געמאכט מיליאנען 'אדם'ס פונקט ווי ער האט געמאכט מיליאנען האזלען?

די משנה אין סנהדרין (ד:ה) ערקלערט דעם טעם: **לפיכך נברא אדם יחידי** - ווייסטו פארוואס א מענטש איז באשאפן געווארן אליין? **כָּל אֶחָד וְאֶחָד חַיָּב לוֹמַר** - כדי יעדער מענטש זאל זאגן,

**בִּשְׁבִילִי נִבְרָא הָעוֹלָם** - "צוליב מיר איז די וועלט באשאפן געווארן." דו ביסט אלעס! פארגעס פון דעם פאקט אז היינט זענען דא אויך נאך מענטשן - דער באשעפער וויל דו זאלסט געדענקען אז אין אנהייב איז געווען נאר איין מענטש! און ער האט עס אזוי געמאכט אז יעדער מענטש זאל וויסן ווי וויכטיג ער איז.

דאס איז אן אויפרייס פון א ווארט! "כדי דו זאלסט זאגן צו זיך, 'צוליב מיר איז די וועלט באשאפן געווארן!'" איז די קומענדיגע מאל ווען דו שפאצירסט אויף דרייצענטע עוועניו; דו גייסט צווישן הונדערטער מענטשן וועלכע שפאנען אהין און צוריק, געדענק די געוואלדיגע לערע: "די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן פאר מיר." טראכט נישט פון דעם אז עס איז באשאפן געווארן פאר אים און פאר אים און פאר אים אויך. ווי ווייט עס איז דיר נוגע, ווארט דער באשעפער פאר דיר, צו אויסניצן די מערסטע וואס מעגליך דאס וואס ער האט דיר געגעבן. דו ביסט די איינציגסטע וואס קען דאס טון!

## דו האסט עס אין דיר

מיר דארפן פארברענגען אונזער לעבן צו דורכלערנען דער ענין פון די תורה וויל די וועלט שלאגט זיך קעגן דעם. אויב כאפט מען א בליק אין אנדערע ערטער, זעט מען ווי זיי דערנידערן די גרויסקייט פון א מענטש; זיי וועלן אים פארמינערן און אים מאכן צו א גארנישט. זיי ווילן דו זאלסט גלייבן אז דו ביסט פשוט א הויכע אנטוויקלטע אמיבע; א פיש וואס איז ארויסגעקומען פון וואסער און ס'איז ארויסגעוואקסן פיס. אבער להבדיל די תורה וויל יא דו זאלסט וויסן ווי גרויס דו ביסט; נישט בלויז צו וויסן ווי גרויס רבי ישראל סאלאנטער איז געווען. נאר כָּל אֶחָד וְאֶחָד חַיָּב לוֹמַר - יעדער מענטש זאל זאגן, **בִּשְׁבִילִי נִבְרָא הָעוֹלָם** - "צוליב מיר איז די וועלט באשאפן געווארן."

דאס מיינט אז די וועלט איז דיין ארט צו קונה זיין גרויסקייט דורך דיינע אייגנארטיגקייטן. דער רמב"ם זאגט אז יעדער מענטש האט די מעגליכקייט צו אויסשטייגן אזוי גרויס ווי משה רבינו! נישט דורך זיין משה רבינו אליין, נישט דורך זיין רש"י הק', דער בעל שם טוב אדער שרה שנירער. נאר דורך זיין דו אליין!

דער באשעפער האט אונז געגעבן אייגענע אייגנארטיגקייטן, אונזערע אייגענע כאראקטער שטריכן, כדי יעדער איינער פון אונז זאל קענען שיינען אין זיין אייגענער וועג. יעדער איינער פון אונז האט אן ענדלאזער פאטענציאל צו ווערן גרויס. דאס זעען מיר ביי די מענטשן וועלכע האבן עס געטון אלס אביישפיל פאר אונז; מיר דארפן שטרעבן דורכאויס אונזערע גאנץ לעבן צו ניצן די מעגליכקייטן וואס ליגן אין אונז, צו אויסארבעטן עפעס פון אונז, נישט צו בלייבן א גארנישט.

און ווי מער מיר ניצן אויס אונזערע אייגנארטיגקייטן, אזויפיל וועט אונזער לעבן זיין ערפאלגרייך - גלייבט מיר, איר זענט א מוצלח! זייט נישט באפרידיגט! שטרעבט ווייטער! פרובירט ארויסצודריקן פון אייך מער און מער וויל איר האט עס אין זיך! דער באשעפער ווארט צו זען וואס מיר וועלן טון מיט אונזערע לעבנס! יעדער מוז ווערן א צדיק, אן ערליכער מאן אדער אן ערליכע פרוי, ווי ווייט עס איז מעגליך! ווען איר וועט ארויפקומען אויף יענע וועלט נאך די הונדערט און צוואנציג יאר, וועט מען אייך פרעגן, "פארוואס האסטו נישט אויסגענוצט דיינע אלע מעגליכקייטן וואס איך האב דיר געגעבן?"

## גוטע און שלעכטע נאטורן

אלזא, צו וויסן ווי אזוי צו אנטוויקלען דיינע פערזענליכע אייגנארטיגקייטן, וועסטו צומאל דארפן אויפזוכן איינער וואס איז קליגער פון דיר וואס זאל דיר אנווייזן, אבער דער ערשטער שטאפל איז צו אנערקענען דעם גרויסן יסוד; צו וויסן אז דו האסט אין דיר געוויסע גרויסקייטן און עס איז דיין פליכט צו פראבירן ווי ווייט מעגליך עס ארויסצוברענגען צום אויבערפלאך.

אלזא, די תכונות וואס דו האסט זענען דיין וועג צו גרויסקייט. די תכונות ווערן נישט אפגעשאצט אלס גוטע אדער שלעכטע; די זעלבע תכונה קען מען ניצן אויף גוטס און אויף שלעכטס. דאס מיינט, אויב פארמאגסטו אן אנגעהיצטער נאטור וואס ווערט לייכט אויפגערעגט, מיינט נישט דערפאר אז דו ביסט שלעכט. ניין, אויב ביסטו אן אנגעהיצטער מענטש, קען דאס מיינען נערוועז אויף אומרעכט; דו קענסט גרינג ווערן אויפגערעגט און אנגעהיצט ווען דו זעסט שלעכטס. אויך, ווערסטו טיף בארירט דורך מצבים, דערפאר שפירסטו מיטגעפיל ווען דו זעסט מענטשן ליידן און דו טוסט אלעס וואס דו קענסט זיי צו העלפן.

## א צדיק און א רשע

אפילו איינער וואס איז א טרוקענער מענטש קען פירן זיין נאטור אין גוטן ריכטונג. צומאל קען א טרוקענער צדיק אויסהאלטן ארעמקייט מער ווי אנדערע. ער קען זיצן און לערנען תורה אין א כולל אין ירושלים אן קיין דאגות. ער האט פערצן קינדער צו שפייזן און צושטעלן זייערע טעגליכע געברויכן און דאך נעמט ער עס אן רואיג און ער זיצט און לערנט תורה. ער קען לעבן זיין גאנץ לעבן מיט ערליכקייט אן צו קראנק ווערן. ער באקומט נישט קיין אנטצינדונגען פון דאגות ווייל ער האט א טרוקענער און רואיגער נאטור.

אודאי קען די זעלבע תכונה אויך גענוצט ווערן נישט ריכטיג. מען קען זיין א טרוקענער רשע; ער איז אזא קאלטער כאראקטער, אז ער קען צוקוקן צו די ליידן פון אנדערע אן צו געבן א בלינק מיט אן אויג. ער קען אפילו אויפגענומען ווערן צו אויספירן טויט שטראף. ער טוט עס ווי א פאן. צו אים איז עס פונקט ווי צו ארבעטן מיט סחורה. אנדערע מענטשן פארקויפן סחורה, ער פארקויפט זיך אלס הענקער.

אלזא זעט מען אז די תכונות איז עפעס וואס איז א טייל פונעם מענטשליכן נאטור. דו קענסט עס נישט טוישן, אבער עס מיינט נישט גוט און עס מיינט נישט שלעכט. דו קענסט עס ניצן אויף ביידע וועגן. און אונזער תפקיד אויף די וועלט איז אויסצוניצן אלעס וואס דער באשעפער האט אונז געגעבן פאר איין ציל - צו פארמערן דעם כבוד פון באשעפער.

## פארשאפן נחת פאר'ן באשעפער

דאס איז וואס מיר זענען מתפלל יעדן טאג: **יְהִי כְבוֹד הַשֵּׁם לְעוֹלָם** - דער כבוד פון באשעפער זאל זיין אויף אייביג. מיר דאווענען אז דער באשעפער זאל שטענדיג האבן כבוד אויף די וועלט. דאס איז אונזער גרעסטער פליכט - צו מאכן כבוד פאר זיין נאמען.

און ווי אזוי טוען מיר דאס? וואס איז דער בעסטער וועג צו מאכן כבוד פאר'ן באשעפער? **יִשְׂמַח ה' בְּמַעֲשָׂיו** - ווען דער באשעפער פריידט זיך מיט זיינע ווערק. ווען די מענטשן פארשאפן נחת פאר זייער באשעפער, ווען מיר מאכן אז דער באשעפער זאל זיך פרייען מיט אונזערע

מעשים, כביכול, דאס איז אונזער הצלחה.

אצינד קוקט דער באשעפער אויף אונז. וואס וויל ער זען? ער וויל זען נחת. ער וויל הנאה האבן פון זיינע 'מעשיו', פון די פילצאליגע מענטשן וואס ער האט באשאפן.

דער באשעפער וויל געניסן פון א ספעציעלער סארט נחת פון יעדן באזונדער. וואס דער מענטש וועט טון, וואס ער האט די מעגליכקייט צו אויפטון, קען קיינער אנדערש נישט טון. יעדער האט עפעס צו צוגעבן. דער עם ישראל איז ווי א הערליכע קאפעליע, מיט טויזנטער, מיליאנען פארשידנארטיגע מוזיקאלישע אינסטרומענטן, און יעדע איינע געבט ארויס א הערליכע קול וואס זיין שכן קען נישט ארויסגעבן. די נחת וואס דו קענסט פארשאפן פאר'ן באשעפער, קען קיינער נישט נאכמאכן.

## פארמינער נישט פון די ערוווארטונגען

פון די וועלכע פארשאפן נישט דעם נחת, ווערט דער באשעפער אנטוישט, כביכול. דאס מיינט נישט אז מען ווערט באטראכט ווי א רשע אבער מען האט פארמינערט פון דעם באשעפער'ס ערוווארטונגען - ער ווארט צו זען עפעס פון דיר און דו האסט עס נאכנישט געטון.

יעדעס אידיש קינד האט באקומען איינגעבוירן אין זיך א כאראקטער וואס איז פול מיט אוצרות, נאר זיי זענען פאטענציאלע אוצרות; זיי זענען ווי א גאלד גרוב וואס איז פארדעקט אין אים. אבער אפילו עס קען זיין א רויע אומאנטוויקלטער כאראקטער, פונדעסטוועגן איז מעגליך פאר אים ארויסצוברענגען די גרויסקייט פון זיין זעל און ווערן א שלימות'דיגער חסיד אין יעדן הינזיכט אויב ער ניצט ריכטיג די אייגנטארטיגע כאראקטערן וואס דער באשעפער האט אים געגעבן. אזוי לאנג ווי ער געדענקט אז "צוליב אים איז די וועלט באשאפן געווארן," און ער ניצט אלעס וואס דער באשעפער האט אים געגעבן, דאן איז **ישמח ה' במעשיו** - דער באשעפער כביכול פריידט זיך מיט אים. ער איז פרייליך מיט וואס ער האט באשאפן. ער שמייכלט צו דיר!

## יעקב ווערט געטרייסט

און דאס איז וואס די קינדער פון יעקב האבן געזאגט פאר זייער טאטן. "**שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד** - הער צו ישראל, אונזער פאטער; דער באשעפער איז אונזער באשעפער, דער באשעפער איז איינציג." "מיר קענען זיין זייער אנדערש איינער פון צווייטן," האבן זיי געזאגט, "איינער פון אונז איז ווי א לייב, פול מיט ענערגיע. אן אנדערער איז היציג; ער איז געפיליש. דער איז טרוקן און קאלט. יעדער האט א געוויסער וועג פון אויסדריקן זיין פערזענליכקייט, זיינע אייגנארטיגע כאראקטארן, און דאס מיינט אז יעדער פון אונז קען שיינען אין עבודת ה' אין זיין פערזענליכער אייגנארטיגער וועג; יעדער פון אונז וועט ניצן זיינע אייגענע טאלאנטן צו ארויסגעבן אן אנדער סארט שלימות אין דינסט פון דער איינציגער באשעפער."

ווען יעקב האט געהערט די ווערטער פון זיינע קינדער איז ער בארואיגט געווארן: "אויב אזוי, דאן **ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד** - אויב איר אלע וועט זיך אפגעבן מיט נעמען די פארשידנארטיגקייטן וואס דער באשעפער האט באשאפן אין אייך און עס ניצן אים צו דינען, דאן וועט דאס זיין דער גרעסטער כבוד פאר'ן באשעפער. דורך די אלע פארשידנארטיגקייטן ווערט געפארבט א הערליכע דעקארירטע בילד פון עבודת ה', מיט א צוזאמשטעל פון פיל קאלירן, וואס יעדער איינער איז די מערסטע וויכטיג.

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

## שאלה:

**פארוואס זענען דא אזויפיל גיטין אין אמעריקע?**

## תשובה:

פארוואס זענען דא אזויפיל פון אלעס אנדערש אין אמעריקע? פארוואס זענען דא אזויפיל פארברעכנס אין אמעריקע? פארוואס זענען דא אזויפיל זעלבסטמארד אין אמעריקע? ביי די יוגנט, שטייגט זעלבסטמארד גאר שנעל. פארוואס זענען דא אזויפיל אנגעטרונקענע מענטשן אין אמעריקע?

און דער ענטפער איז, אז אמעריקע האט אוועקגעווארפן זייער דיסציפלין, זייער געזעץ און סדר. די ליבעראלן האבן פארכאפט קאנטראל פון די נייעס צענטערן און זיי האבן רואינירט דאס לאנד. מיר דארפן זארגן אויף וואס עס גייט זיין אין צוואנציג יאר ארום ווען די פארדארבענע יוגנט וועלן ווערן די ריכטער.

אפילו היינט האבן מיר געפערליכע ריכטערס, וואס זיי זענען דער רעזולטאט פון די קרימינאלן פון די זעכציגער יארן וואס זיצן היינט שווארץ געקליידט. די דאזיגע קרימינאלן זענען דער רעזולטאט פון די יוגנט, די רעבעלן פון די זעכציגער יארן. וואס גייט זיין אין צוואנציג יאר פון יעצט? אמעריקע שטייט אין זייער א שלעכטן מצב און עס איז וויכטיג מיר זאלן טון עפעס דערוועגן.

דאס הייסט, וואס עס טויג נישט מיט אמעריקע איז דאס אז זיי ערציען דורות פון דראגאן ציין; מען טוט איינזייען א גערעטעניש וואס וועט חס ושלום זיין א קאטאסטראפע. די קינדער אין די היינטיגע פאבליק סקולס ווערן רואינירט דורך דער חינוך וואס מוטיגט אומארדענונג און אוממאראלישקייט, און גיטין איז בלויז איין טייל וואס קומט פון די פארפוילונג אין די אמעריקאנער געזעלשאפט.